# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **בטחון**

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף **דער השגחה פרטית האטליין**

פרשת ניצבים וילך תשפ"ו ⨯ **עלון 206**


## בהשגחה

## אמאל בעטן מיר צו ווייניג: א וואונדערבארע מקודה פון הגה"צ רבי יעקב גאלינסקי זצ"ל

רבי יעקב גאלינסקי האט אמאל אויפגעטרעטן און געזאגט:

"איר זעט מיר דא שטיין אין ארץ ישראל, און איך האב זוכה געווען צו זען ערליכע קינדער און אייניקלעך יראי שמים."

"איך וועל אייך דערציילן אויף וואס איך האב געדאווענט מיט יארן צוריק."

"יארן צוריק, ווען איך בין געווען איינגעשפארט אין די סאוויעטישע טורמע אין סיביר, איז דאס טויט געווען בלויז א פראגע פון צייט. איך האב געזען מיינע פריינט און קאלעגעס ארעסטאנטן ווערן אוועקגעריסן פון אונז איינער נאכן צווייטן, און טייל פון זיי, זענען געווען אידן וואס האבן ר"ל נישט זוכה געווען צו קבר ישראל."

"איך האב געציטערט אז איך וועל חלילה אויך נישט זוכה זיין צו קבר ישראל. איך האב באשלאסן צו דאווענען דערויף מיט מיינע אלע כוחות. איך האב פארגאסן טייכן טרערן און געבעטן צו זוכה זיין צו קומען לקבורה כדת משה וישראל."

האט רבי יענק'לע אויסגעפירט:

"קוקט נאר ווי ווייט מיינע מושגים זענען געווען. איך האב נאר געבעטן צו זוכה זיין צו קבר ישראל, און איך האב מיר אפילו נישט געקענט פארשטעלן אז דער בורא כל עולמים וועט מיר מזכה זיין אנצוקומען קיין ארץ ישראל, אויפצושטעלן אזא ערליכע דור, און זוכה זיין צו פארשפרייטן תורה און יראת שמים פאר אזויפיל תלמידים."

עס מאכן זיך מצבים וואו א מענטש געפינט זיך אין א גרויסע צרה, און אלעס וואס ער וויל איז נאר ארויסצוקריכן פון די יעצטיגע דרוק.

א מענטש אין חובות וויל נאר פטור ווערן פון זיי.

א מענטש וואס מוטשעט זיך מיט שוועריגקייטן אינדערהיים וויל נאר זען א ישועה.

א מענטש וואס זארגט זיך איבער זיינע קינדער וויל נאר זען אז זיי גייען צוריק אויפן גראדן וועג.

און אזוי איז עס אין יעדן געביט פון לעבן.

ווען מ'שטעלט זיך דאווענען, דארף מען געדענקען אז מיר ווענדן זיך צו אונזער טאטע אין הימל, דער גרעסטער רחמן, וואס קען און וויל אונז געבן אלעס - מיט א ברייטקייט און בשפע, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

מ'דארף נישט באגרעניצן אונזערע בקשות. מיר דארפן בעטן אויף אלעס.

ער קען אונז שענקען געוואלדיגע השפעות.

ער קען טוישן דאס הארץ פון א בחור, און אים ברענגען צו זיין א ערליכער איד, א ירא שמים וואס לייכט מיט תורה און גוטע מעשים.

לאמיר נישט זיין קיין קמצנים אין אונזערע תפילות. מיר מוזן גלייבן אינעם אומבאגרעניצטן כח פונעם הייליגן באשעפער, און אים בעטן פאר אלעס וואס מיר דארפן.

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה

### סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע

## הגה"ק רבי ישראל מאיר בן רבי אריה זאב הכהן זי"ע מראדין בעל חפץ חיים ומשנה ברורה יארצייט כ"ד אלול

עס איז געווען אין יאר תרפ"ט. א שווערע גזירה האט געלויערט איבער די אידן אין פוילן. אונטערגעצינדן דורך די משכילים וואס האבן געזוכט חרוב צו מאכן כלל ישראל, האט די רעגירונג ארויסגעגעבן א באפעל: אלע מלמדים אין די חדרים מוזן קודם שטודירן לימודי חול. א מלמד וואס וועט נישט האבן א סערטיפיקאט אז ער האט געלערנט און דורכגעמאכט די עקזאמענס, וועט נישט מעגן לערנען מיט קינדער. אויך די רבנים וועלן מוזן קענען סעקולערע לימודים, און מען וועט אויפשטעלן א רעגירונג קערפערשאפט וואס וועט פירן און באשליסן די סטרוקטור פון אלע אידישע קהילות אין פוילן.

דער חפץ חיים איז שוין געווען אלט און שוואך, קודם האט ער געשיקט א דעלעגאציע פון רבנים צו זען וויאזוי מען קען מבטל זיין די גזירה. אבער זייערע באמיאונגען האבן נישט מצליח געווען. מיט זיין שוואכע שטימע האט ער גערופן זיין משפחה און די משמשים:

"איך בעט אייך! טראגט מיר קייןווארשע. איך האב נישט קיין מנוחה ווען איך הער פון די שרעקליכע גזירות! עס איז נישטא קיין ברירה; דאס איז א גזירת שמד, און מען דארף זיך מוסר נפש זיין!"...

גלייך נאכ'ן אנקומען קיין ווארשע, האט דער חפץ חיים אנגעהויבן ארבעטן מיט זיין גאנצע קראפט צוזאמצושטעלן א גרויסע עמערדזשענסי אסיפה, וואו עס האבן זיך באטייליגט איבער פיר הונדערט רבנים און אדמו"רים. צווישן די באטייליגטע זענען געווען דער "אמרי אמת" פון גער, דער אלכסנדר רבי, דער בעלזער רב, רבי ברוך בער פון קאמעניץ, רבי נפתלי זילבערבערג, און נאך פילע אנדערע. ביים סוף פון דעם גרויסן כינוס, איז באשלאסן געווארן אז דער חפץ חיים, צוזאמען מיט עטליכע רבנים, זאלן זיך טרעפן מיט'ן פוילישן בילדונגס-מיניסטער און פרעזידענט.

אינעם אפיס פונעם פרעזידענט איז געשטאנען די פמליא פון רבנים און אדמו"רים, אנגעפירט דורך דעם חפץ חיים, וועלכער האט אנגעהויבן רעדן פון טיפן הארץ, מיט גרויס ווייטאג און הייסע טרערן. ווען ער האט געענדיגט זיינע ווערטער, האט זיך דער פרעזידענט אויפגעשטעלט און געזאגט: "מען דארף

<<<

## א גוטע עצה פאר פרנסה

**רבי שלמה ווייס פון ניו דזשערזי דערציילט:**

איך האב א חבר, א חשוב'ער בן תורה, וואס מוטשעט זיך געפערליך אין פרנסה. ער האט מיר געפרעגט צי איך האב אן עצה פאר איר וויאזוי ער קען פארמערן זיינע הכנסות. איך האב איבערגעטראכט מיט אים, אבער איך האב נישט געהאט קיין שום געדאנקען. ער לערנט זייער פלייסיג, און איך האב מורא געהאט אים פארצוליגן זאכן וואס וועלן אים ארויסנעמען פון לערנען; איך האב נישט געוואלט נעמען די אחריות פאר אזא שריט. האב איך אים געזאגט: "לערן מער, שטארק זיך אין לימוד התורה." דאס איז די עצה וואס איך האב מקבל געווען פון מיינע רבי'ס.

ער האט אנגענומען מיין עצה, כאטש ס'איז אים געווען זייער שווער, און שפעטער האט ער מיר דערציילט אז די עצה ארבעט טאקע. יעדעס מאל וואס ער לייגט אריין מער כוחות ווי געווענליך אינעם לערנען, קומט אריין געלט.

יענעם ספעציפישן טאג וואס איך וועל אייך יעצט דערציילן, איז אנגעקומען די דאטום ווען מ'דארף באצאלן דעם קרעדיט קארד ביל. זיין מצב איז געווען ממש ביטער: זערא הכנסה קוועלער. און ער – ער האט זיך אוועקגעזעצט לערנען מיט פרישע כוחות. עס איז געווען אן עכטע מסירות נפש אפצולאזן אלע חשבונות, אלע דאגות און אלע ספיקות און אלע דמיונות וואס וועט זיין אויב ער וועט נישט האבן קיין געלט ביז זעקס אזייגער אוונט, און זיך אינגאנצן אריינווארפן אין לערנען.

ער זיצט און לערנט, און פלוצלינג באקומט ער א טעלעפאן קאל. "וואס מאכסטו?" פרעגט א חבר פון געגנט. "דו ווייסט, דו האסט מיר זייער פיל געהאלפן," זאגט דער חבר, "געדענקסט ווי מיט עטליכע וואכן צוריק האבן מיר גערעדט וועגן א געוויסע פינאנציעלע ענין וואס איך האב געהאט, און דו האסט מיר געגעבן א גוטע עצה?"

מיין חבר האט נישט געוואוסט צי ער זאל ווייזן אדער לאכן. טאקע, ער האט געגעבן א גוטע עצה פאר זיין חבר; פאר אנדערע האט ער געקענט טרעפן געדאנקען, אבער נישט פאר זיך אליין.

"ברוך השם, דיין עצה איז געווען ממש צום פינטל. איך האב געטון וואס דו האסט מיר געזאגט, און ב"ה פארדינט א שיינע מטבע. יעצט וויל איך געבן מעשר, ווייסטו אפשר פון איינעם וואס קען עס ניצן?"

מיין חבר האט זיך אביסל געשעמט צו זאגן אז ער אליין איז דער ריכטיגער מענטש וואס דארף די הילף, אבער ער האט זיך געשטארקט און געזאגט: "איך ווייס נישט וואס דיר צו זאגן, איך קען דיר נאר זאגן אז איך אליין בין יעצט גאנץ שוואך מיט קעש, און היינט דארף מען באצאלן דעם קרעדיט קארד. אפשר קענסטו זיין א שליח מן השמים."

דער חבר האט גלייך פארשטאנען די סיטואציע און געזאגט: "אוודאי, איך וועל זיין דער שליח, אם ירצה ה'. און וואס טוט זיך מיט'ן מארטגעדזש, האסטו עס שוין באצאלט דעם חודש?"

"נאך נישט," האט מיין חבר געענטפערט מיט א נידריג קול.

"נעם עס אן אלס מסודר," האט דער חבר אויסגעפירט, "אלעס וועט היינט אריינגעלייגט ווערן אין דיין אקאונט."

ער האט געוואונען די אקאונט דעטאלן פון מיין חבר, און טאקע אריבערגעשיקט דעם גאנצן סכום סיי פאר'ן קרעדיט קארד און סיי פאר'ן מארטגעדזש.

ער האט אויך זיך גענומען דעם עול תורה, און דער רבונו של עולם האט אראפגענומען פון אים דעם עול פון וועלטליכע דאגות.

## 'גרינע' ברענשטאף

**רבי עקיבא ווייצמאן פון בית שמש דערציילט:**

איך בין געפארן צו ערלעדיגן פארשידענע זאכן, ווען איך האב באמערקט אז דער גאז האלט ביי זערא. אין יענע מינוט האב איך געטוישט מיין ריכטונג צום נאנטסטן גאז-סטאנציע, בעטנדיג צום באשעפער אז איך זאל עס מאכן פאר די גאז

## המשך השגחה עליונה

נישט איבערזעצן, איך פארשטיי הארץ-שפראך... איך באפעל שוין יעצט אפצושטעלן די דאזיגע גזעצן!"...

איין נאכט נאך תפילת מעריב, איז א ווארשע'ווער איד אנגעקומען און שטארק געבעטן צו רעדן מיט'ן רבין. מען האט אים אריינגעבריינגט אין צימער; ער האט אויסגעבראכן אין א שטורמישן געוויין, און אנגעהויבן אויסגיסן פאר'ן חפץ חיים אלע זיינע צרות וואס ער גייט דורך.

דער חפץ חיים האט אים אויסגעהערט מיט גרויס רחמנות. ווען דער מענטש האט געענדיגט רעדן, האט דער רבי אים געזאגט מיט גרויס ווארעמקייט:

"וויסן זאלסטו, טייערער איד! דו ביסט נאך א יונגערמאן; דיין גאנצע לעבן איז נאך פאר דיר. שטארק זיך, ווייל עס וועלן נאך קומען גוטע טעג. האב בטחון אינעם באשעפער, וואס וועט זיכער נאך אוועקנעמען פון דיר אלע שוועריגקייטן"...

דער חפץ חיים האט צוגעלייגט און געזאגט:

"טייערער איד! דו דארפסט וויסן אז ווען א איד ליידט, איז דער אייבערשטער אליין מיט אים אין זיין צער און וויל אים העלפן! לאמיר זיך שטארקן אין בטחון און גלייבן אז דער באשעפער איז דער בורא ומנהיג לכל הברואים, און ער וועט זיכער שיקן די ישועה בקרוב"...

א האלבע שעה איז דער הייליגער חפץ חיים געזעסן און מחזק געווען דעם מענטש מיט ווערטער פון אמונה און בטחון.

נאכדעם וואס דער מענטש איז ארויס, האט מען געהערט דעם הייליגן חפץ חיים זאגן צו זיך אליין מיט התרגשות:

**"עס האט זיך געלוינט צו קומען דעם גאנצן וועג און זיך אזויפיל מוטשען מיט די גאנצע טרחה - נאר כדי מחזק צו זיין דעם דאזיגן איד מיט ווערטער פון אמונה און בטחון!"...**

גייט אינגאנצן אויס, כדי איך זאל נישט בלייבן שטעקן אינמיטן ערגעץ.

דער באשעפער האט צוגעהערט מיין תפילה. איך בין אנגעקומען צו די סטאנציע, און יעצט בין איך געגאנגען צום נעקסטן שריט: זוכן געלט צו באצאלן פארן גאז. איך האב אנגעהויבן זוכן אין מיינע טאשן: די העמד-טאשן, הויזן-טאשן, און רעקל-טאשן. גארנישט. איך בין אריבער צום קאר, געקוקט דא און דארט, אויף די זיצן און אונטער זיי, ביז איך האב בסייעתא דשמיא ארויסגעשלעפט א גרינע פופציג-דאלאר ביל.

איך בין צוגעגאנגען צום ארבעטער, זיך אנטשולדיגט, און געפרעגט צי איך קען צאלן מיט פופציג דאלאר פארן גאז. דער ארבעטער האט אבער אפגעזאגט; ער האט געטענה'ט אז ער קען נישט אננעמען קיין דאלארן. איך מוז עס טוישן אויף שקלים, און ערשט דעמאלטסט קען ער נעמען די געלט. עס איז נישט געווען קיין עקססטשיינדזש אין די געגנט, און איך האב נישט געקענט פארן זוכן איינס ווייל איך האב דאך נישט געהאט קיין גאז. אלעס וואס איז מיר איבערגעבליבן צו טון איז געווען צו האפן אויף א ישועה פונעם באשעפער, און זיך אינגאנצן פארלאזן אויף זיין חסד.

די ישועה האט זיך נישט געלאזט ווארטן. אן אמעריקאנער איד איז פונקט אריינגעקומען אין די גאז סטאנציע - ממש דער ריכטיגער מענטש אין די ריכטיגע צייט. איך בין תיכף צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט: "קענסטו מיר אפשר העלפן?"

האט ער מיר געענטפערט: "דו העלף מיר, און איך וועל דיר העלפן."

איך האב אים געפרעגט מיט וואס ער דארף הילף, און ער האט אנגעוויזן אויף זיין קאר און אויפן גאז-פאמפ. ער האט זיך פארפלאנטערט מיט די באהעפטונגען און ער האט נישט געוואוסט וויאזוי מען באניצט זיך דערמיט. איך בין אריבער, אריינגעלייגט דעם פייפ אינעם ריכטיגן פלאץ, און ער האט מיר זייער באדאנקט פאר די דאזיגע פשוט'ע טובה.

"און יעצט זאג מיר, וויאזוי קען איך דיר העלפן?" האט ער מיר געפרעגט.

האב איך ארויסגענומען א פופציג דאלערדיגע באנקנאט פון מיין טאש און אים געבעטן צי ער קען מיר עס טוישן אויף שקלים.

"מיט גרויס פארגעניגן!" האט ער אויסגערופן איבערראשט, "דו ביסט מיר געשיקט געווארן גלייך פון הימל! איך האלט איצט אינמיטן פארן צום לופטפעלד. די קאר וואס איך דרייוו איז א רענטל וואס איך דארף שוין צוריקגעבן. איך בין אהערגעקומען זיך צו אפשטעלן ביי די גאז-סטעישאן אנצופילן גאז כדי איך זאל האבן גענוג פאר די רייזע, אבער איך האב אינגאנצן נישט געטראכט וואס איך וועל טון ווען איך קום אן קיין אמעריקע. איך וועל אויך דארפן האבן א קאר אהיימצופארן נאך די רייזע. איך וועל מוזן באצאלן פאר איינעם אין דאלערן, און איך האב נישט קיין איין דאלער אין מיין טאש! דו ביסט געשיקט געווארן מיר צו ברענגען פופציג דאלער, כדי איך זאל האבן מיט וואס צו באצאלן פאר א קאר ווען איך גיי ארויס פונעם לופטפעלד."

דארט, ביי די גאז-סטעישאן, האב איך באקומען "ברענשטאף" צו קענען ממשיך זיין מיט מיין שליחות אין לעבן. ווייל אומעטום וואו איך גיי, בין איך א שליח מן השמים.

<<<



הרה"ח ר' דוד קלצקין שליט"א

## וכל מאמינים

נישט פיל מענטשן קענען רבי יעקב קראנץ זצ"ל ביים נאמען, רוב עולם קען אים נאר אלס דער בארימטער 'דובנער מגיד'. צווישן די ספרים וואס זענען געדרוקט געווארן נאך זיין פטירה איז דא דער ספר 'ספר המדות' - וואו ער לייגט אויס און איז מסביר פארשידענע מדות הנפש. דער ספר איז איינגעטיילט אין שערים, און יעדער שער פארמאגט אין זיך אסאך פרקים. דער פינפטער שער איז 'שער הבטחון'.

אינעם פינפטן פרק פון דעם שער, לייגט דער מגיד דעם דגוש אויף די מענטשן וואס ליידן שאדנס צוליב דעם וואס עס פעלט זיי אין בטחון אינעם באשעפער. ער שרייבט קלאר אז מענטשן וואס גלייבן נישט גענוג, פעלט זיי אין אהבת ה'; זיי קענען אפילו חלילה צוקומען צו גאר שווערע עבירות ווי גניבה און גזילה; און אויב דאס איז נישט גענוג, נעמט דער רבונו של עולם אוועק זיין השגחה פרטית פון זיי, און ער לאזט זיי איבער - כביכול - אין די הענט פון דעם מענטש אויף וועמען זיי האבן זיך פארלאזט.

צווישן אנדערע זאכן, זאגט ער אז עס זענען דא מענטשן וואס דארפן זיך יעדן טאג פריש מחזק זיין, און ער לערנט אונז אויס אז דער שורש פון די ישועה איז א גאנצער בטחון. דאס פארקערטע פון בטחון איז פחד. א מענטש וואס האט נישט קיין בטחון אינעם באשעפער און פארלאזט זיך נישט אויף אים, וועט ליידן פון פחדים און נערוועזקייט.

ביים סוף פונעם שער שרייבט דער מגיד: "דער סך הכל איז: די פרוכט פון בטחון איז השגחה פרטית." וואס געווינט א מענטש ווען ער ארבעט אויף די מדה פון בטחון? - בשעת מעשה, ווען ער האפט צום באשעפער, ווערט ער געשטארקט און פילט זיך פארזיכערט; אבער וואס פאסירט נאכדעם וואס ער האט זיך שוין מחזק געווען? וואס פאסירט ווען ער מאכט צו דעם ספר און גייט צוריק צו זיין טעגליכע רוטין? מיר ווייסן דאך אז דער שכר ווארט אים אפ אויף יענע וועלט, אבער דער דובנער מגיד זאגט אונז אז ער באקומט שוין א שכר דא אויף די וועלט: "די פרוכט פון בטחון איז השגחה פרטית."

די פראקטישע רעזולטאטן, דער זיסער טעם פון די פרוכט נאכן זיך שטארקן, איז די השגחה פרטית וואס מ'באקומט. ס'איז כדאי איבערצו'חזר'ן זיין ווארט און עס קענען אויסנווייניג: וואס מער א מענטש שטארקט זיך אין בטחון און גלייבט אינעם באשעפער, אלס מער וועט דער באשעפער אים צוגעבן השגחה פרטית און שפע. יעדעס ביסל בטחון וואס מיר לייגן צו, יעדע מינוט וואס מיר האבן זיך מחזק געווען - יעדער קליינער דעטאל קומט צוריק דאפלט. דער בעל בטחון ברענגט אויף זיך מער השגחה פרטית און ציט אראפ הימלישע שפע - אדער אין אנדערע ווערטער, סייעתא דשמיא.

דער ווילנער גאון זאגט, אז יעדעס מאל וואס מ'לערנט עפעס איבער בטחון, קען מען מתפלל זיין און בעטן פאר אלעס וואס מ'דארף!

## דער דרייווער שטייט גרייט

**הגה"צ רבי ישראל לייפער שליט"א פון בני ברק דערציילט:**

פרייטאג, ערב שבת קודש פרשת קדושים, בין איך געווען פארמישט אין אן עקסידענט. די קאר אין וואס איך בין געזעסן, אינאיינעם מיט א באקאנטן וואס האט מיר געפירט, האט זיך צונויפגעשטויסן מיט א באס. ברוך השם איך האב געהאט אנגעטון די סיט-בעלט, אבער דער שטארקער קלאפ וואס די קאר האט געכאפט האט מיך אויך באטראפן. דער פארדערשטער חלק פון די קאר איז געווארן אינגאנצן צעקראכט, און איך אליין בין געווארן געשליידערט אהין און צוריק.

מען האט מיך אפגעפירט אין שפיטאל. דארט האב איך אדורכגעמאכט אלע טעסטס, און בחסדי השם איז די מעדיצינישע באריכט געווען אז אלעס איז אקעי. אביסל ערנסטע זעצעס, אבער ב"ה נישט קיין אינערליכע וואונדן. הודו לה'! ווען איך בין אהיימגעקומען פאר שבת, איז שוין אלעס געווען גרייט; די טעפ זענען שוין געווען שיין אויסגעשטעלט אויף די פלאטע, און איך האב מיך געקענט גרייטן צום שבת קודש און אפילו אנטיילנעמען ביים רבין'ס טיש.

אויבנאויף האט אויסגעזען אז אלעס איז פיין, אבער די וויטאגן האבן מיר ווייטער באגלייט. זונטאג האב איך איבערגעגעבן א שיעור אין בני ברק, און דערנאך בין איך געפארן צו א שיעור אין אלעד. דאס איז א שיעור וואס איך האב די זכיה איבערצוגעבן שוין זיבן און צוואנציג יאר, א קביעות'דיגע התחייבות וואס איך היט אפ מיט די גרעסטע אחריות. אזויפיל אינצידענטן זענען מיר שוין אונטערגעקומען אין די כמעט דרייסיג יאר: חתונות, שמחות, משפחה און קהילה אווענטן, און אויך וויינציגער פרייליכע זאכן; אלעס איז געווארן בטל ומבוטל פארן שיעור. שטענדיג האב איך אלעס געלייגט אין א זייט און געפארן צום שיעור אין אלעד, וויפיל עס איז נאר געווען אין מיין מעגליכקייט. אויך דאס מאל האב איך נישט געקוקט אויף די יסורים וואס איך האב געהאט פונעם עקסידענט, און איך בין געפארן קיין אלעד פארצולערנען דעם שיעור.

איך האב מיך אנגעשטרענגט איבער מיינע כוחות, בלי שום גוזמא. צוויי שעה פון זאגן שיעורים זענען שוין געווען אונטער מיר, און די וויטאגן זענען געווארן אלס שטערקער און שטערקער. איך יענע מינוט האב איך געשפירט אז עס איז מיר אוממעגליך אהיימצופארן קיין בני ברק מיט א באס. גארנישט פון דעם פלאן האט מיר נישט געטויגט: נישט דאס גיין צו די סטאנציע, און נישט דאס זיצן אינעם באס אונטער די עיר-קאנדישן וואס בלאזט דירעקט אויף מיין אקסל. די יסורים וואס איך האב געהאט זענען געווארן פיל ערגער אונטער אזא דירעקטן ווינט.

פון די אנדערע זייט, האב איך נישט געוואלט בעטן קיינעם ער זאל מיר אהיימפירן. איך האב מיך געפילט אומבאקוועם צו בעטן, איך האב נישט געוואלט אריינגיין אין דעטאלן איבער מיין געזונט צושטאנד, און איך האב שטילערהייט מתפלל געווען צום אייבערשטן ער זאל מיר העלפן און מיך אהיימברענגען אויף א וועג וואס וועט מיר זיין גרינג און געשמאק.

איך האב געדאוונט מעריב מיט'ן עולם, און נאכ'ן דאווענען, אין ממש פאר עס איז מיר געווארן אומבאקוועם, ווען איך האב איבערגעטראכט וואס צו טון און וויאזוי ארויסצוגיין פון בית המדרש – קומט אן יונגערמאן צו צו מיר און זאגט: "רבי, היינט פיר איך אהיים דעם רבין. איך געדענק מיין צוזאג."

דאס איז געווען א צוזאג פון זעקס חדשים צוריק.

מיט א האלב יאר פריער, נאך א מעריב, איז דער יונגערמאן צוגעקומען צו מיר און געזאגט: "איך וויל ארויסנעמען דרייווינג לייסענס, אבער איך בין שוין צוויי מאל דורכגעפאלן דעם טעסט. איך בעט דעם רבי'ן זאל מיר בענטשן איך זאל מצליח זיין און אדורכגיין דעם טעסט."

איך האב אים געבענטשט ער זאל האבן הצלחה און שטענדיג פארן אויף גראדע וועגן צו גוטע פלעצער.

"רבי," האט זיך דער אינגערמאן געפריידט, "אויב איך גיי דורך דעם טעסט, זאג איך צו, בלי נדר, אהיימצופירן דעם רבין אין מיין קאר נאכן שיעור, צען מאל!"

עס איז דארט געווען א איד וואס האט אונז גלייך דערמאנט א טרעפיק געזעץ: אין די זעקס חדשים נאכדעם וואס א דרייווער באקומט א לייסענס, טאר ער נישט דרייוון בייניכט. האב איך געזאגט פארן יונגערמאן: "יישר כח פאר דיין גוטע כוונה, אבער דאס וועט נישט זיין מעגליך..."

ער האט אנגענומען מיינע ווערטער אבער ער האט עס נישט פארגעסן. יעצט, ווען איך בין געווען אין אזא ענגשאפט, איז ער פלוצלינג אונטערגעקומען און מיר דערמאנט זיין צוזאג. "פארגאנגענע וואך האט זיך געענדיגט די זעקס חדשים זינט איך האב באקומען מיין לייסענס, און איך מעג שוין דרייוון בייניכט. דער רבי קען קומען מיט מיר?"

הודו לה', דער חשוב'ער יונגערמאן האט מיר אהיימגעפירט אין זיין קאר, אן דעם וואס איך זאל דארפן צוקומען צו בעטן פון קיין בשר ודם, און ער האט עס ווייטער געטון נאך עטליכע מאל. דער באשעפער, וואס האט שוין פאראויס באשטימט אז איך וועל האבן אן עקסידענט יענעם פרייטאג, האט שוין אנגעגרייט מיין קאר אויף צו צוריקצופארן זונטאג, נאך זעקס חדשים פריער.

## א גורל'דיגע מינוט

איך קען א חשוב'ן בחור פון וויליאמסבורג, א ירא שמים און א בעל מדות, ממש א תכשיט וואס יעדער טאטע וואלט געוואלט פאר זיין טאכטער. ער האט אבער איין פראבלעם וואס טאנצט גלייך אין די אויגן: ער הינקט. אלס קינד איז ער אדורך א שווערע עקסידענט, און נאך א לאנגע רעהאביליטאציע איז ער געבליבן מיט א הינקעדיגע פיס. ווען דער בחור איז אנגעקומען צו די יארן פון שידוכים, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער "קליינער" פראבלעם איז גארנישט אזוי קליין, ווייל מענטשן קוקן אסאך אויף די חיצוניות. די עלטערן פונעם בחור האבן געזוכט זיין באשערטע אן נאכלאזן פון די באמת וויכטיגע זאכן: גוטע מדות, יראת שמים, און א פערזענליכקייט וואס איז פאסיג אלס אן אמת'ע אשת חיל.

יענעם טאג האט די מאמע פונעם בחור באשלאסן אז מען דארף טון השתדלות פאר'ן שידוך און שיקן א בילד פונעם בחור צו שדכנים. אזוי וועלן זיי זען אז דאס הינקען איז סך הכל א הינקען, און עס נעמט גארנישט אוועק פון זיין באַחן'טע געשטאלט; זיי וועלן זען אז ער האט אן איידעלע נאטור, זיין בליק איז קלוג און געזעצט, און ער איז ראוי אויפצושטעלן א בית של תורה ויראת שמים.

דער בחור איז געגאנגען דאווענען שחרית, און דערנאך האט ער געוואלט לערנען. ביקש לישב בשלווה, וקפץ עליו רוגזו של קאווע. אט איז וואס עס האט פאסירט: דער בחור האט געוואלט אנהייבן זיין לערנען מיט א קאווע, איז ער געגאנגען צום קליינעם קאווע-שטיבל וואס איז דארט געווען. אויפ'ן

וועג האט ער באגעגנט א איד וואס האט געהאלטן צוויי הייסע געטראנקען איןביידע הענט, איין טיי און איין קאווע. אונזער בחור האט זיך אפגעשטעלט צו לאזן דעם איד דורכגיין מיט די הייסע סחורה, אבער פלוצלינג איז א דריטער איד דורכגעלאפן צווישן זיי, נישט באמערקנדיג די הייסע סחורה, און די קאווע האט זיך אויסגעגאסן.

"וואס האסטו געטון?!" האט דער איד מיט די גלעזלעך געטענה א געשריי, און זיך אויסגעדרייט צו זען אויף וועמען צו שרייען. דער איד וואס האט אים געשטופט איז שוין נישט דארט געווען; ער האט זיך גאר שטארק געאיילט, און מסתמא אפילו נישט באמערקט וואס עס האט פאסירט. נאר אונזער בחור איז דארט געשטאנען, הינקענדיג אויף זיין פוס.

"דו, וואו זענען דיינע אויגן?!" האט דער מענטש געשריגן אויפ'ן בחור, "דו זעסט נישט וואו דו גייסט?! וואס מיינסטו, אז די גאנצע וועלט באלאנגט פאר דיר?! אז עס זענען נישטא דא נאך מענטשן?!" ער האט ווייטער געשריגן מיט קולות וברקים, און זיך אויך געהאלפן מיט די הענט... ביז די איבעריגע טיי האט זיך אויך אויסגעגאסן, גלייך אויפ'ן פנים פונעם בחור.

ער האט באקומען א ברי אויפ'ן פנים. דאס וואסער האט געריגען פון זיינע ברילן און נאז, אן ער זאל זיין שולדיג. ער איז דארט געשטאנען מיט גרויס בושה, און נאך פאר ער האט געקענט רעאגירן, איז א פערטער איד צוגעלאפן צו אים און גערופן: "זאג גארנישט! דאס איז דיין געלעגנהייט. בעט יעצט ביים רבונו של עולם פאר דיין שידוך!"

דער קלוגער בחור האט אויסגעהערט די גוטע עצה. ער האט גארנישט געזאגט, כאטש ער האט געהאט אסאך וואס צו ענטפערן. עס איז געווען קלאר פאר יעדן וואס איז דארט געשטאנען, אז דער בייזער מענטש איז אריבער אלע גרעניצן. דער בחור האט אויסגעזען אזוי רחמנות'דיג; אפילו אויב ער וואלט יא געווען שולדיג, קומט אים נאך אלץ נישט קיין טיי אין פנים אריין.

קיינער האט נישט געקענט וויסן צי טרערן רינען פון דעם בחור'ס אויגן, אדער זענען עס סתם טראפנס טיי וואס גיסן זיך אראפ. אזוי אדער אזוי, האט ער אויסגעניצט יענע הייסע מינוט צו דאווענען אויף זיין עתיד.

צו מאכן א בילד איז שוין נישט געווען שייך יענעם טאג. די הייסע טיי האט איבערגעלאזט א ברי אויפ'ן פנים, און עס האט גענומען צייט ביז עס איז אינגאנצן פארשוואונדן געווארן. אבער צוויי וואכן שפעטער, אן קיין בילד, איז דער בחור א חתן געווארן!

ער האט געפונען זיין באשערטע מיט סייעתא דשמיא, און זיכער וועט ער מיט די הילף פון אויבערשטן מצליח זיין אין זיין שטוב, מיט די גוטע מדות וואס ער האט ארויסגעוויזן ביים קאווע ווינקל...

האט איר זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?
**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140**
**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

**בריוון צו די מערכת**

***לכבוד די חשובה ארגאניזאציע 'השגחה פרטית'.***

אלס א סובסקרייבער צו אייער וואונדערבארן און הערליכן מאגאזין, וויל איך מיט אייך טיילן א ליכטיגע מחשבה וואס איז מיר לעצטנס בייגעפאלן. די מחשבה האט ביי מיר נאך מער אונטערגעשטעלט דעם פאקט, אז וואס מער מען רעדט פון אמונה און השגחה פרטית, אלס מער זעט מען עס מיט די אייגענע אויגן. דאס איז אויך אמת לגבי דאס אויסהערן די האטליין און ליינען די קונטרסים.

לעצטנס האב איך געהאט די געלעגנהייט צו פארן אויף שאסיי נומער זעקס און זיך אפשטעלן ביי א גאז סטעישאן אויפן וועג פאר א קורצע הפסקה. דארט האב איך באמערקט עפעס וואס איך האב נאך קיינמאל נישט געזען: אויף די זייטן פונעם פארקינג לאט זענען געווען אויסגעשטעלט צוויי סארטן טשארדזשינג סטאנציעס פאר עלעקטרענישע קארס.

ווען איך בין צוגעגאנגען נענטער, האב איך געזען א חסיד'ישן יונגערמאן וואס פרובירט צו טשארדזשן זיין קאר ביי איינע פון די סטאנציעס. איך בין צוגעגאנגען צו אים און נייגעריג געפרעגט וואס דער חילוק איז צווישן די פארשידענע טשארדזשינג פלעצער. ער האט מיר העפליך מסביר געווען די הויפט חילוקים: געוויסע קארס דארפן א גרויסע מאס עלעקטער און עס נעמט לענגער צו טשארדזשן, בשעת אנדערע דארפן נאר א שנעלע טשארדזש מיט א ביסל עלעקטער כדי אנצוקומען צום ציל.

איך בין ווייטער געפארן אויף מיין וועג, און פלוצלינג איז מיר בייגעפאלן א שטארקער רעיון:

די וועכנטליכע אויסגאבע פון 'השגחה פרטית' איז ווי א קאנצענטרירטע, שנעלע טשארדזש - א 'בוסט' פאר די קומענדיגע וואך, הבאה עלינו לטובה. אבער דער חודש'ליכער מאגאזין איז ממש א ריכטיגע 'פאוער סטעישאן': דאס איז א שטארקע טשארדזש מיט א גרויסע כח, וואס גיבט כח און חיזוק פארן גאנצן קומענדיגן חודש.

חזקו ואמצו פאר אייך, אויפן אינספירירן אזויפיל אידן! אשריכם, אייער זכות איז מורא'דיג גרויס! פירט ווייטער אויס דעם שליחות צו פארשפרייטן דאס ליכט פון אמונה און השגחה פרטית איבער דער גאנצער וועלט!

**מיט דאנק, שמעון ראפאפארט, ירושלים.**

## הַגּוֹמֵל בֶּענְטְשְׁן



**זְאֵב אַהֲרֹן פוּן יְרוּשָׁלַיִם דֶערְצֵיילְט:**

ווען אַ אִיד פָּארְט מִיט אַן עֶרָאפְּלַאן, אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז עֶר בֶּענְטְשְׁט הַגּוֹמֵל בַּיי דֶער תּוֹרָה. אַמָאל קוּקְט עֶס אוֹיס נִישְׁט ווִיכְטִיג, וואס קֶען שׁוֹין פַּאסִירְן, טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן פָּארְן טָאג טֶעגְלִיךְ.

נוּ, וואס קֶען טַאקֶע פַּאסִירְן? אִיךְ ווֶעל עֶנְק דֶערְצֵיילְן.

מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן צוּ אוּנְזֶער זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע קַיין אַמֶערִיקֶע, אוּן ווען דֶער עֶרָאפְּלַאן הָאט זִיךְ גֶעהוֹיבְּן הָאט דֶער שְׁטַאב פְּלוּצְלוּנְג בַּאמֶערְקְט אַן עֶרְנְסְטְן גֶעפַארְפוּלְן פְּרָאבְּלֶעם. דֶער עֶרָאפְּלַאן הָאט לַאנְגְזַאם צוּרִיק גֶעלַאנְדֶעט. עֶס הָאט גֶענוּמֶען פַּיינְפוּלֶע צְווֵיי אוּן אַ הַאלְבּ שָׁעָה! דֶער עוֹלָם הָאט גֶעשְׁרִיגְן הִיסְטֶערִישׁ אוּן מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְקְן אַז וואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט אִיז גוּט.

עֶנְדֶע זֶענֶען מִיר אַרִיבֶּער צוּ אַ צְווֵייטְן עֶרָאפְּלַאן. אוּן נָאר דָארְט הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט וואסְפַארַא פְּרָאבְּלֶעמֶען דֶער עֶרְשְׁטֶער עֶרָאפְּלַאן הָאט גֶעהַאט; אַ פְּרָאבְּלֶעם וואס הָאט שׁוֹין גֶעקָאסְט אִין גֶעווִיסֶע פַאלְן קָרְבָּנוֹת. אַהַ! אַ דַאנְק טַאטֶע פַארְ'ן אוּנְז הִיטְן אוּן בַּאשִׁיצְן. פוּן יֶענֶע רַייזֶע אִיז שׁוֹין אוּנְזֶער הַגּוֹמֵל בַּיי דֶער תּוֹרָה נִישְׁט נָאר אַ בְּרָכָה וואס מֶען דַארְף זָאגְן, נָאר אַ גֶעפִילְפוּלֶע בְּרָכָה צוּ דַאנְקֶען אַז דִי רַייזֶע אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם.

## אִין דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט



**שְׁמוּאֵל פוּן מוֹדִיעִין עִילִית דֶערְצֵיילְט:**

אִין אַ פְרַייטָאג מִיטָאג הָאט מַיין מַאמֶע גֶעמוּזְט אַרוֹיסְגֵיין אַיינְקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת. זִי הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן מִיר צוּ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אוּן הִיטְן אוֹיף דִי בֶּעיבִּי.

אוּנְזֶער בֶּעיבִּי אִיז אַ רוּאִיג קִינְד אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַרַיינְכַאפְּן דִי צַייט אוּן זִיךְ אַבִּיסְל אַרָאפְּלֵייגְן.

מַיין מַאמֶע הָאט אָבֶּער עֶנְדֶערְשׁ גֶעווָאלְט אִיךְ זָאל אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען דֶערְוַוייל אַיינְאָרְדֶענֶען אַבִּיסְל דִי שְׁטוּב אוֹיף שַׁבָּת.

אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפָאלְגְט אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען לֵייגְן זַאכְן אוֹיף זֵייעֶר אָרְט, לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

פְּלוּצְלוּנְג הֶער אִיךְ אַ מָאדְנֶע קוֹל פוּן אִינֶעווֵיינִיגְסְטְן שְׁטוּב. אִיךְ בִּין נָאכְגֶעלָאפְן דָאס קוֹל אוּן גֶעטְרָאפְן אוּנְזֶער בֶּעיבִּי זִיךְ שְׁטִיקְן מִיט... אַ קוּגֶעלֶע!

אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁנֶעל אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוּן עֶס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מוֹיל. הוֹדוּ לַה' אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעכַאפְּט בַּאצַייטְנְס, ווען דִי בֶּעיבִּי הָאט עֶס נָאכְנִישְׁט אַרָאפְּגֶעשְׁלוּנְגֶען אוּן גְרִינְג אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגְן. אִיךְ ווִיל נִישְׁט טְרַאכְטְן וואס חָלִילָה וָואלְט פַּאסִירְט ווען אִיךְ לֵייג זִיךְ אַבִּיסֶעלֶע אַרָאפּ שְׁלָאפְן אוּן אִיךְ הֶער נִישְׁט ווִי עֶר שְׁטִיקְט זִיךְ.

אוּן דֶער אֱמֶת? אִיךְ דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן וואס וָואלְט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן. דֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַלֶעס אַזוֹי וואוּנְדֶערְלִיךְ, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן אוֹיף אוּן אוֹיפְרוּמֶען לְכָבוֹד שַׁבָּת אוּן אַזוֹי אַרוּם הֶערְן דִי בֶּעיבִּי.

## אַ הִיטְשׁ, פַּאסִיג פַאר אִינְמִיטְן נַאכְט



**אַבְרוּמִי מָאשְׁקָאוִויטְשׁ פוּן אַשְׁדּוֹד דֶערְצֵיילְט:**

ווער הָאט כֹּחַ נָאךְ אַ לַאנְגֶע חֲתוּנָּה? קֵיינֶער נִישְׁט. אוּן אַוַודַאי נִישְׁט צוּ גֵיין לַאנְגֶע שְׁטְרֶעקֶעס צוּפוּס.

דִי חֲתוּנָּה פוּן מַיין קָאזִין הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאסְן שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט. דֶער זַאל, ווָעלכֶע אִיז נָאר פַאר גֶעצֵיילְטֶע שָׁעָה'ן גֶעווֶען אַזוֹי נָאנְט, אֵיין שָׁעָה גֵיין אָדֶער צוּפָארְן מִיט אַ בָּאס, הָאט יֶעצְט אוֹיסְגֶעקוּקְט אוּמְגֶעהוֹיעֶר ווַייט.

קֵיין בָּאסֶעס זֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט גֶעווֶען אִין אַזַא שְׁפֶּעטֶע שָׁעָה, קֵיין קַאר סֶערְווִיס אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן כֹּחַ... אַוַודַאי נִישְׁט. אָבֶּער מֶען מוּז אַהֵיימְגֵיין.

דֶער ווֶעג נֶעמְט אַ קְנַאפֶּע שָׁעָה. מִיר הָאבְּן גֶענוּמֶען שְׁפַּרֵייזְן מַאכְטְלָאז.

דִי קְלֵיינֶע הָאבְּן פַּארְפִירְט, אוּן מִיר, דִי גְרוֹיסֶע הָאבְּן זִיךְ פְּרָאבִּירְט הַאלְטְן רוּאִיג, כָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעפִילְט אַז מַיינֶע פִיס טְרָאגְן מִיר נִישְׁט; אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְט בַּיי דֶער חֲתוּנָּה, דֶערְפְרֵייט דֶעם חָתָן אוּן מַיין זֵיידֶע, אוּן אִיךְ ווִיל שׁוֹין לִיגְן אִין בֶּעט.

אוּן דֶער ווֶעג אִיז נָאךְ אַזוֹי פִיל צוּ גֵיין!!!!

"בַּאשֶׁעפֶער!" הָאבּ אִיךְ שְׁטִיל גֶעדַאוְונְט. "אִיךְ ווִיל שׁוֹין אָנְקוּמֶען אַהֵיים."

עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ מִינוּט, מִיר יָאגְן אָן צוּ שְׁפְּרֵייזְן נָאךְ צְווֵיי טְרִיט, ווען אַ הֵיימִישֶׁער דְרַייוֶוער שְׁטֶעלְט אָפּ זַיין ווֶען נֶעבְּן אוּנְזֶער פַאמִילְיֶע.

"צוּ וואוּ דַארְפְט אִיר אָנְקוּמֶען?" פְרֶעגְט עֶר מַיין טַאטְן. מַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אוּנְזֶער אַדְרֶעס.

"נוּ: אִיז קוּמְט אַרוֹיף," הָאט עֶר אוּנְז אַיינְגֶעלַאדְנְט אַרוֹיפְצוּגֵיין זִיצְן אוֹיף דִי בַּאקְוֶועמֶע זִיצְן. בִּיז גֶעצֵיילְטֶע מִינוּטְן זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים. אוּמְזִיסְט. שְׁנֶעל אוּן בַּאקְוֶועם. דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט צוּגֶעשִׁיקְט דִי פַּאסִיגֶע הִילְף אִין דִי פַּאסִיגֶע מִינוּט.

**טֵייְעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרֵיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.

אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט

**הודעות ווינקל**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער!

גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,

**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**



# דִי רִירֶנְדֶע אַנְטְפְּלֶעקוּנְג

**פרק 2 פון 4**

אוּן קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:

גוֹי'שֶׁע עֶלְטֶערְן בֶּעטְן פוּן דֶעם מוֹהֵל ר' יִשְׂרָאֵלִ'י קָאבֶּעל פוּן אַמֶעריקֶע זָאל קוּמֶען אֳפְּרִיכְטְן אַ בְּרִית פַאר זֵייעֶר פְרִישׁ גֶעבּוֹירֶענֶער בֶּעיבִּי. זֵיי בַּאשְׁטִימֶען אוֹיף זוּנְטָאג פַאְרְנַאכְט. זוּנְטָאג צוּפְרִי בֶּעט דֶער טַאטֶע פוּן ר' יִשְׂרָאֵלִ'י אַ טוֹבָה.



# זיכה וזכה
## א שמועס מיט די גליקליכע משפיעים

**וואו פארשפרייט איר די גליונות?**

יעצט זומער האב איך עס פארשפרייט אין א קעמפ פון קינדער.

**וואס פלאנט איר נאכן זומער?**

בעז"ה וועל איך ווייטער מפיץ זיין.

**וואס האט אייך געברענגט צו וועלן פארשפרייטן די גליונות?**

זיי האבן מיר אנגערופן פון די אפיס אויף צו בעטן א נדבה, האב איך געוואלט געבן א נדבה, און איך האב אויך גענומען א חודש הפצה.

**געוואלדיג. איר האט באקומען עפעס פידבעק פון איינער פון די ליינער פון די גליונות וואס איר פארשפרייט?**

די קינדער האבן געזאגט אז ס'איז זייער אינטערעסאנט, זיי האבן געפרעגט צו ס'איז נישט דא נאך... איך האב געהאט יעצט דריי וואכן אויף איינמאל, וואס איך האב צוליב א טעכנישע סיבה (און ווי מען גייט שפעטער זען, פארשטייט זיך, דאס אויך מיט א געוואלדיגע השגחה פרטית...) עס נישט ארויסגעלייגט, זיי זענען מיר געקומען פרעגן צו ס'איז דא נאך, האב איך זיי ארויסגעלייגט דעמאלס פון די אנדערע וואכן.

**איר האט פונקט געהאט עפעס א השגחה פרטית מעשה וואס האט געהאט שייכות מיטן הפצה פון די גליון?**

יא.

יעדע וואך פרייטאג דרוק איך ארויס עטליכע סארט גליונות אז די קינדער זאלן האבן וואס צו ליינען שבת צופרי פאר'ן דאווענען, און בין גברא לגברא. די וואך איז די קעמפ ערגעץ געווען פאר א יארצייט, מ'איז אוועקגעפארן פרייטאג, און מ'איז צוריקגעקומען שפעט פרייטאג נאכמיטאג, און איך האב נישט געהאט קיין צייט פאר די גליונות. איך כאפ זיך פאר'ן זמן אז איך האב נישט די וואך קיין גליונות! ווען איך בין אנגעקומען צו מיר אין שטוב, כאפ איך מיר אז איך האב דאך די דריי וואכן גליונות וואס איך האב נאכנישט געהאט ארויסגעלייגט. פאריגע צוויי וואכן האב איך עס געוואלט ארויסלייגן, און איך האב פארגעסן. האב איך שוין געהאט פון צוויי וואכן, און יעצט האב איך שוין געהאט פון א דריטע וואך, האב איך עס ארויסגעלייגט פאר'ן זמן, און זיי האבן זיך מחיה געווען מיט דעם. ס'איז געווען אזוי ווי אוועקגעלייגט פאר די וואך.

ס'איזגעווען אזוי ווי אוועקגעלייגט פאר די וואך, איך האב פארגעסן. די ערשטע וואך האב איך נישט געהאט ארויסגעלייגט ווייל עס איז נאכנישט געווען ביי מיר אין סיסטעם, און איך האב נישט געכאפט אז איך גיי עס ארויסלייגן. די צווייטע וואך האב איך יא געוואלט, און איך האב פארגעסן. איז די דריטע וואך האב איך ארויסגעלייגט פון דריי וואכן צוזאמען, און אזוי האבן זיי געהאט געהעריגע מסודר'דיגע גליונות, ס'איז געווען א מחיה.

איך האב זיי געזאגט אז דאס איז א השגחה פרטית מיט די גליון השגחה פרטית; אז איך בין נישט אנגעקומען ארויסצודריקן גליונות, און איך האב מיך יעצט דערמאנט אז איך האב ליגן גליונות פון דריי וואכן פון השגחה פרטית, און דאס גייט מען ארויסלייגן.

**איר האט סיי וועלכע מעסעדזש וואס איר קענט איבערגעבן פאר אנדערע וואס טראכטן צו ס'לוינט זיך יא צו פארשפרייטן, ס'לוינט זיך נישט צו פארשפרייטן?**

דו לייענסט די גליונות, לייגסט אריין אין קאפ די וועג פון טראכטן אז יעדע זאך פירט זיך מיט השגחה פרטית האט עס אויף דיר א געוואלדיגע השפעה!





מיט אייער השתתפות
פון $36 א חודש פאר'ן גליון
"השגחה פרטית"
וואס פארשפרייט
אמונה אויף אלע עקן וועלט.

↓

דער "משפיע" באקומט
צו זיך אינדערהיים
10 השגחה-פרטית
גליונות צו קענען
פארשפרייטן אמונה
צווישן אידן!

א באזונדערע שליח
וועט בעז"ה ארויפגיין
צום ציון פון
בעל
"חובות
הלבבות"
אין צפת,
און מתפלל זיין פאר אייך.

רבי שלומק'ה זוועהילער
האט געזאגט:
"אז מען טוט אין השגחה פרטית
זעט מען השגחה פרטית"

רופט יעצט און הייבט אן
משפיע זיין אמונה און בטחון
פאר אידישע קינדער!

רופט: 585-308-3293

בהמלצת רבנים קען מען צאלן מיט מעות מעשר


דאס האט נישט חשש שמות לגניזה מען דארף נזהר זיין בקדושת הגליון עס זאל נישט צוקומען צו קיין בזיון אזוי ווי מען איז זיך נוהג מיט תשמישי קדושה

**אויב האט איר סיי וועלכע הערות**

לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת
hashgachaprutis@gmail.com